א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת נח

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### נח איז געדענקט געווארן - צוליב די רשעות פון זיין דור

"נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו" (ו ט)

"'בְּדֹרֹתָיו' - יש מרבותינו דורשים אותו לשבח... ויש שדורשים אותו לגנאי: לפי דורו היה צדיק, ואלו היה בדורו של אברהם לא היה נחשב לכלום" (רש"י).

אין די פסוקים פון זכרונות ביי מוסף פון ראש השנה זאגן מיר: "וגם את נח באהבה זכרת, ותפקדהו בדבר ישועה ורחמים, בהביאך את מי המבול לשחת כל בשר מפני רוע מעלליהם, על כן זכרונו בא לפניך...". לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס לייגט מען צו די ווערטער: "על כן זכרונו בא לפניך", מ'האט דאך שוין געזאגט ביים אנהויב: "וגם את נח באהבה זכרת"?

זאגט רבי ברוך עפשטיין פון פינסק:

די וואס האבן מסדר געווען די תפילה האלטן ווי די צווייטע שיטה וואס רש"י ברענגט, אז דיווארט "בְּדֹרֹתָיו" ווערט געטייטש לגנאי, ד.מ. אז נאר אקעגן די רשעים פון זיין דור ווערט נח גערעכנט ווי א צדיק וואס מ'דארף אים ראטעווען, און וועגן דעם האט מען צוגעלייגט און ערקלערט די סיבה פארוואס ער איז געראטעוועט געווארן: "מפני רע מעלליהם - על כן זכרונו בא לפניך".

'תורה תמימה'

### דער סוד פון תשובה - 'הלוך ושוב'

"וְהַמַּיִם הָיוּ הָלוֹךְ וְחָסוֹר" (ח ה)

פיר מאל ווערט דערמאנט אין די תורה די ווארט "הָלוֹךְ", און אלע זענען אין ספר בראשית: א. "הָלוֹךְ וָשׁוֹב" (ח ג), ב. "הָלוֹךְ וְחָסוֹר" (שם ה), ג. "הָלוֹךְ וְנָסוֹעַ" (יב ט), ד. "הָלוֹךְ וְגָדֵל" (כו יג).

די קשר צווישן די פסוקים ערקלערט **רבי אליעזר פאפו** דער בעל **'פלא יועץ'** בדרך דרוש:

דער וואס פארשטייט און לעבט מיט דעם געדאנק אז אלע זיינע יארן זענען א בחי' פון "הָלוֹךְ וְנָסוֹעַ" צו דעם עולם שכולו טוב, איז זוכה אז עס ווערט מקויים ביי אים: "הָלוֹךְ וָשׁוֹב" - מיט א ריכטיגע תשובה. אבער ווער עס טראכט אז די ציל פון זיין לעבן איז צו זיין "הָלוֹךְ וְגָדֵל" אויף דער וועלט, וועט זיך טרעפן אין סוף פון זיינע יארן אז אנשטאט דעם איז ער געווארן: "הָלוֹךְ וְחָסוֹר", און ער וועט זיך געזעגענען פון דער וועלט ווען ער האט גארנישט מיט זיך.

'אלף המגן'

### די שירה פון די יונה - איז א עדות אויף די ענדע פון דער מבול

"וַתָּבֹא אֵלָיו הַיּוֹנָה לְעֵת עֶרֶב וְהִנֵּה עֲלֵה זַיִת טָרָף בְּפִיהָ וַיֵּדַע נֹחַ כִּי קַלּוּ הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ" (ח יא)

וויאזוי האט נח פארשטאנען פון דעם אז עס איז שוין געווארן "קַלּוּ הַמַּיִם", עס קען דאך זיין אז די יונה האט געטראפן דעם בלעטל שווימען העכער די וואסער?

ענטפערט **רבי הלל ליכטנשטיין** פון קאלאמייא:

רש"י ברענגט אראפ די גמרא אין סנהדרין (קח ב) אז ווען די יונה האט געברענגט דעם בלעטל פון די זית בוים פאר נח האט זיך מיט דעם געזאגט: "רבונו של עולם, יהיו מזונותי מרורים כזית ומסורים בידך, ואל יהיו מתוקים כדבש ומסורים ביד בשר ודם".

און מיר טרעפן טאקע אזוי אין פרק שירה (פ"ד) אז דאס איז די שירה פון די יונה, לויט דעם וועלן מיר פארשטיין, אז ווען נח האט געזעהן אז די יונה זאגט שירה פאר השי"ת, האט ער פון דעם פארשטאנען אז דער מבול האט זיך געענדיגט, ווייל אויב נישט וואלט זי נישט געזאגט שירה, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (מגילה י א) אז ווען די מצריים זענען דערטראנקען געווארן אין ים האבן די מלאכי השרת געוואלט זאגן שירה, און דער אויבישטער האט זיי נישט געלאזט זאגנדיג: "מעשי ידי טובים בים ואתם אומרים שירה?!".

'מקרא דרדקי'

> **א ברכה אויף יעדע עסנווארג**
>
> "וְאַתָּה קַח לְךָ מִכָּל מַאֲכָל אֲשֶׁר יֵאָכֵל וְאָסַפְתָּ אֵלֶיךָ" (ו כא).
>
> די ראשי תיבות פון די ווערטער **'מכל מאכל אשר יאכל'** זענען בגימטריה צ"א אזוי ווי די גימטרייה פון 'אמן'. פון דא איז א רמז אז דער מענטש איז מחוייב צו ענטפערן אמן נאך די ברכות הנהנין.
>
> 'כרם ד"ל' פרשת נח

### ער פארגיסט זיין בלוט כדי ער זאל נישט זינדיגן

"וְאַךְ אֶת דִּמְכֶם לְנַפְשֹׁתֵיכֶם אֶדְרֹשׁ מִיַּד כָּל חַיָּה אֶדְרְשֶׁנּוּ" (בראשית ט ה)

"את דמכם אדרש - מהשופך דם עצמו" (רש"י)

אין די פירוש פון די **בעלי התוספות** על התורה, ווערט געברענגט א מחלוקת הראשונים צי א מענטש מעג זיך אליין הרג'ענען אין א צייט פון שמד, ציטערנדיג אז ער וועט נישט קענעןביישטיין דעם ניסיון; עס זענען דא וואס זענען מתיר, און עס זענען דא וואס האלטן אז אויך אין אזא צייט - דער וואס ער איז מאבד עצמו לדעת איז עובר אויף דער איסור וואס שטייט דא אין פסוק.

ביי די קינות פון תשעה באב, שילדערט די קינה "אמרתי שעו מני" די צרות וואס די אידן זענען אריבער ביי די ערשטע קרייצצוגלער (אין יאר ד"א תתנ"ו), און א טייל אידן האבן זיך אליינס גע'הרג'עט און אויך זייערע קינדער אלץ חשש אז די שונאים וועלן זיי צווינגען עובר זיין אויף די תורה, און אזוי קלאגן מיר: "כָּבַשׁ האב רחמיו לַזֶּבַח, ילדיו השלים כְּכָרִים לְטֶבַח, הכין לבניו מַטְבֵּחַ".

אויף דעם שרייבט דער שטראסבורגער רב **רבי אברהם דוד הורוויץ**, אז פון די קינה איז נישט קיין ראיה צו די מתירים, ווייל עס קען זיין אז אדרבה, אויף דעם קלאגן מיר אז צוליב די גזירות און די רדיפות האבן די אידן נישט ריכטיג געטוהן.

שו"ת 'קנין תורה' ח"א סי' קנא אות ז

### נאמן בבריתו וקיים במאמרו

"וַהֲקִמֹתִי אֶת בְּרִיתִי אִתְּכֶם וְלֹא יִכָּרֵת כָּל בָּשָׂר עוֹד מִמֵּי הַמַּבּוּל וְלֹא יִהְיֶה עוֹד מַבּוּל לְשַׁחֵת הָאָרֶץ" (ט יא)

אין ספר ישעיה (נד ט, ראה רד"ק שם) זעהט מען אז אויסער די ברית וואס השי"ת האט געמאכט מיט נח און זיינע קינדער אז ער וועט שוין נישט פארדארבן די וועלט, האט ער אויך געשווארן אז ער וועט מער נישט ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה נד ט): "אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי מֵעֲבֹר מֵי נֹחַ עוֹד עַל הָאָרֶץ". און אין מס' שבועות (לו א) שטייט אז די שבועה ווערט אויך דערמאנט אין דער פסוק, ווייל עס שטייט צוויי מאל די ווארט "ולא", און איינער וואס זאגט צוויי מאל 'לא' - איז עס א שבועה.

מיט דעם וועלן מיר קלאר פארשטיין דער נוסח הברכה וואס מ'זאגט זעהנדיג א קשת: "זוכר הברית ונאמן בבריתו וקיים במאמרו", און לכאורה, דער לשון: "זוכר הברית ונאמן בבריתו" איז פארשטענדליך, אבער וואס איז די באדייט פון "וקיים במאמרו"?

ווייל אויסער די ברית וואס שטייט קלאר אין דעם פסוק איז דאך אויך געווען א שבועה, אבער וויבאלד די שבועה איז נישט קלאר ארויסגעשריבן, ווערט עס אנגערופן א 'מאמר'.

'מגלת ספר' [לר"מ דויטש] על התורה

### על זאת יתפלל כל חסיד לעת מצוא

"אֶת קַשְׁתִּי נָתַתִּי בֶּעָנָן וְהָיְתָה לְאוֹת בְּרִית בֵּינִי וּבֵין הָאָרֶץ" (ט יג)

מיר טרעפן אין מסכת כתובות (עז ב) אז רבי יהושע בן לוי האט זוכה געווען אריינגיין לעבעדיג אין גן עדן ווייל ער האט באשיצט אויף די מענטשן פון זיין דור אז זיי זאלן נישט געשטראפט ווערן מיט א מבול, און צוליב די סיבה איז אויך נישט געזעהן געווארן א קשת אין זיינע יארן.

מיט דעם טייטש **רבי פנחס הלוי הורוויץ** דער בעל **'הפלאה'** דעם פסוק אין תהלים (לב ו): "עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ" - דער חסיד וועט נישט געראטעוועט ווערן פון: "לְעֵת מְצֹא" - "זו מיתה" (ברכות ד א) נאר אויב ער האט געדאווענט און באשיצט אויף זיין דור פון א מבול - "רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ".

'פנים יפות'

### אויף וואס איז דא א צוזאג אז עס וועט מער נישט זיין?

"וְלֹא יִהְיֶה עוֹד הַמַּיִם לְמַבּוּל לְשַׁחֵת כָּל בָּשָׂר" (ט טו)

אין פיוט 'אלה אזכרה' ביי מוסף פון יום כפור, זאגן מיר: "שרפי מעלה צעקו במרה: זו תורה וזו שכרה... ענתה בת קול משמים: אם אשמע קול אחֵר אהפוך את העולם למים, לתהו ובהו אשית הדומַים".

וויאזוי קען זיין אז דער אויבישטער וועט איבערדרייען די וועלט אויף וואסער, נאך וואס ס'איז דא א הבטחה אז עס גייט שוין מער נישט זיין א מבול?

זאגט **רבי אהרן דוד גאלדבערג** פון די ראשי ישיבה אין טעלז:

דער אויבישטער האט טאקע צוגעזאגט אז עס וועט מער שוין נישט זיין אזוי ווי דער מבול - וואס אלע באשעפענישן זענען פארטיליגט געווארן און דער וועלט איז געבליבן, אבער אז דער וועלט זאל אינגאנצן אויסגעמעקט ווערן און עס זאל ווערן וואסער - האט ער נישט צוגעזאגט, און אויף דעם האט די בת-קול געווארנט.

'שירת דוד'

## "נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו" (ו ט)




**צוליב די מדה פון ענטפערן אמן ווערן די אידן אנגערופן צדיקים, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים".**

'כד הקמח' ערך אמונה

די חכמי האמת שרייבן, אז לעתיד לבוא וועט מען פרעגן פון יעדן אויב ער איז געווען א "צדיק", ד.מ. צי ער האט יעדן טאג מקיים געווען די צאל פון די זאכן וואס זענען מרומז אין די אותיות צדי"ק: צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות, ווייל א מענטש ווערט נישט אנגערופן א צדיק נאר אויב ער איז מקפיד אויף די זאכן.

'דרך משה' ליום אחד עשר

**ניינציג אמנ'ס, טאג טעגליך.**

## תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

### קריאת שמע (א) - ארייינפיר

**"דרש רבי שמלאי: שש מאות ושלש עשרה מצות נאמרו לו למשה: שלש מאות וששים וחמש לאוין כמנין ימות החמה, ומאתים וארבעים ושמונה עשה כנגד איבריו של אדם... בא חבקוק והעמידן על אחת, שנאמר: 'וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה'"** (מכות כג ב-כד א)

דער ריטב"א (שם) ערקלערט די ווערטער פון רבי שמלאי: די מצוה פון אמונה איז אנדערשט פון אלע מצוות מיט דעם אז דער וואס איז עס מקיים - איז מקיים די גאנצע תורה, און דאס מיינט "אמונה אין השם יתברך אזוי ווי עס דארף צו זיין און מקבל זיין אויף זיך אלוקותו ויחודו און עול מלכותו, אזוי ווי מיר זענען באפוילן געווארן ביי די פרשה פון קריאת שמע וואס איז כולל אין זיך די גאנצע תורה".

לייגט צו און ערקלערט דער בעל התניא (ליקוטי אמרים - תניא פרק לג): עס איז זיכער אז דער נביא איז נישט געקומען מבטל זיין די חיוב פון די אנדערע מצוות, נאר זיין כוונה איז אז דורך די מצוה פון אמונה, ווערט דער מענטש מקיים זיין אלע תרי"ג מצוות. ווייל דער וואס באארבעט זיין הארץ צו האבן די ריכטיגע אמונה אין השי"ת, ווען ער פילט א ריכטיגע שמחה אויף דעם וואס מיט זיין אמונה האט ער געטראפן דעם ציל פון זיין לעבן, וועט ער זיך שטארקן איבער אלע שטערונגען צו מקיים זיין אלע אנדערע מצוות.

### די חשיבות פון די מצוה פון קריאת שמע

לויט די ווערטער וועט מען פארשטיין פארוואס האבן חז"ל אזוי שטארק מחשיב געווען די מצוה פון קריאת שמע, וואס ווי געזאגט איז איר גאנצע מהות 'אמונה'. און טאקע אזוי, אין לויף פון אלע דורות איז די מצוה געווען דער יסוד פון אמונה פון יעדן איד ווי אזוי ער זאל נאר נישט זיין; אין צייטן פון שמד אזוי ווי אין געווענליכע צייטן, שטענדיג איז געווען אויף זייערע ליפן דעם וואונדערליכן פסוק: "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד".

דער הייליגער רוזשינער האט געזאגט אז חבקוק - דער לעצטער פון די נביאים האט אין זיין נבואה ספעציעל מכוון געווען אויף די לעצטע דורות בעפאר ביאת המשיח, ווען דעמאלטס וועט נישט זיין קיין אנדערע זאך אין וואס זיך אנכאפן אויסער די אמונה, און דעמאלטס דער וואס וועט זיך שטארקן אין די מצוה פון אמונה וועט זיין ראוי צו ווערן באטיטול'ט מיט דעם טיטול צדיק ('אורות ישראל' ליקוטים ערך צדיק).

לויט דעם איז זיכער אז מיר דארפן צולייגן מער הארץ צו די מצוה פון קריאת שמע, וואס מיר זענען זוכה עס צו מקיים זיין צוויי מאל יעדן טאג, און חלילה עס נישט מקיים זיין ווי מצות אנשים מלומדה. און דער מהרש"א שרייבט שוין (ח"א, מנחות צט ב) אז אפילו א עם הארץ - אויב וועט ער פארשטיין די טייערקייט פון די מצוה וועט ער זיכער מער מדקדק זיין, און אוודאי אז אויף אונז ליגט א פליכט מיר זאלן מער צולייגן קאפ צו איר גרויסע מעלה.

און חז"ל זאגן אויף דעם אין מדרש (תנחומא אמור י): "א משל צו א קעניג וואס האט געשיקט א בריוו צו זיין לאנד, וואס האבן די בני המדינה געטוהן, זיי האבן עס גענומען און אויפגעדעקט זייערע קעפ און האבן עס געליינט מיט ציטער, שרעק און פארכט. דאס זעלבע זאגט השי"ת פאר די אידן: מיינע קינדער, קריאת שמע איז מיין בריוו, איך האב ענק נישט באמוטשעט און איך האב ענק נישט געהייסן עס ליינען שטייענדיג און מיט א אויפגעדעקטן קאפ, נאר "בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך...".

אין די קומענדיגע ארטיקלען וואס מיר פראבירן צו קאנצענטרירן לויט די לענג פון דאס בלעטל די עיקר ענינים, און אויב מיר וועלן קענען מיט דעם ארטיקל ערוועקן אין אונזער הארץ א שטאלץביים עס מקיים זיין - דיינו, איז אויך אסאך.

### דער ציל פון די מצוה פון קריאת שמע

אין אנהייב פון די ווערטער וועלן מיר אראפ ברענגען די ווערטער פון דעם ספר החינוך (מצוה תכ) וואס ערקלערט דער טעם און דער שורש פון די מצוה:

"דער אויבערשטער האט געוואלט מזכה זיין זיין פאלק אז זיי זאלן מקבל זיין אויף זיך זיין קעניגרייך יעדן טאג און יעדן נאכט אין יעדן טעג פון זייער לעבן, וויבאלד דער מענטש האט א קערפער וואס ציט אים נאך אלע נארישקייטן פון דער וועלט און זיינע תאוות דארף ער שטענדיג געדענקען פון דעם עול מלכות שמים וואס דאס זאל אים אכטונג געבן פון יעדע זינד. דעריבער אלץ זיין חסד אונז צו מזכה זיין, האט ער אונז באפוילן מיר זאלן שטענדיג אין די צוויי צייטן געדענקען, איינמאל בייטאג עס זאל אונז העלפן אויף אונזערע מעשים וואס מיר טוהן ביי טאג, ווייל ווען דער מענטש געדענקט אינדערפריה פון אחדות השם און זיין מלכות און אז זיין השגחה און זיין מעגליכקייט איז העכער אלעס, און ער וועט אריינטראכטן אז דער אויבערשטער קוקט אויף אלע זיינע וועגן, און זיינע טריט ציילט ער, גארנישט ווערט נישט פארהוילן פון אים, און ער וועט נישט קענען באהאלטן איינס פון אלע זיינע מחשבות, איז דאך זיכער אז די מחשבה און די ווערטער וואס ער האט געזאגט וועט אים אפהיטן אגאנצן טאג, און די קריאת שמע פון ביינאכט וועט אים אפהיטן א גאנצע נאכט. און ווייל דער יסוד פון מצוה איז אזוי ווי מיר האבן דערמאנט, האבן די חכמים געזאגט אז מ'מוז עס זאגן מיט כוונה, און אויב מ'האט נישט אינזין געהאט האט מען נישט יוצא געווען, ווייל דער מענטש וועט גארנישט געדענקען נאר אויב ער וועט טראכטן פון דעם..."

### אזוי ווי די מצוה פון תלמוד תורה

א וואונדערליכע זאך וואס קען ארויס ברענגען די טייערקייט פון די מצוה זאגן חז"ל אין מסכת ברכות (י ב): "גדול הקורא קריאת שמע בעונתה יותר מהעוסק בתורה". און אזוי ווערט געברענגט אין ספר 'מנורת המאור' (נ"ג כ"ג ח"א פ"ו) אין נאמען פון מדרש:

"פארוואס האט מען מתקן געווען צו ליינען קריאת שמע צופריה און ביינאכט: ווייל דער אויבערשטער האט געזאגט פאר די אידן: "לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה", און האט אויך געזאגט: "ששת ימים תעשה מלאכה", וויאזוי וועט מקויים ווערן די צוויי פסוקים? דעריבער האט מען מתקן געווען פאר זיי צו ליינען קריאת שמע צופריה און ביינאכט, און יעדער וואס ליינט עס איז עס ווי ער וואלט געליינט די גאנצע תורה.

א משל צו א קעניג וואס האט געגעבן פאר זיין זוהן אסאך פעלדער און ער האט זיך זייער געפלאגט אין דעם. ווען דער קעניג האט געזעהן אז ער פלאגט זיך שטארק, האט ער אים צוגעגרייט איין פעלד און אהין געברענגט אלע געשמאקע זאכן פון דער וועלט און האט זיי דארט איינגעפלאנצט. אזוי אויך דער אויבערשטער האט געגעבן פאר די אידן תורה נביאים און כתובים, און האט געזאגט יעדער וואס פלאגט זיך אין דעם איז נישטא קיין ענדע צו זיין שכר וואס ער וועט באקומען, און יעדער וואס קען זיך נישט פלאגן אין זיי, איז גענוג ער זאל ליינען קריאת שמע צופריה און ביינאכט.

און ווען די אידן ליינען קריאת שמע קומען אראפ די מלאכי השרת און זיי הערן זיך צו, אזוי ווי עס שטייט: 'היושבת בגנים חבירים מקשיבים לקולך השמיעיני'; 'היושבת בגנים' - דאס זענען די אידן וואס זיצן אין די שוהלן, 'חבירים מקשיבים לקולך' - דאס זענען די מלאכי השרת".

לויט דעם שטייט אין ספר 'יפה ללב' (ח"א בהשמטות) אין נאמען פון ספר 'שומר אמונים' על התורה פון רבי משה מלאנצבורג, אז די ווערטער 'שמע ישראל' [מיטן כולל] זענען בגימטריה 'תורה צוה לנו משה', ווייל דער וואס ליינט קריאת שמע אין די צייט איז עס ווי ער וואלט געלערנט די גאנצע תורה. און דער פסוק 'שמע ישראל' [מיטן כולל] איז בגימטריה תרי"ג, דאס איז א רמז אז יעדער וואס ליינט קריאת שמע, איז ווי ער וואלט מקיים געווען אלע מצוות.

## מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

### א ברכה מיט א תנאי

מוסטפא אבו כביר, אזוי איז געווען די צו נאמען פון דער אראבישער פארשוין, וואס האט פארמאגט א גרויסער קערפער און ווייניג פארשטאנד, עס איז געווען גענוג נאר צו דערמאנען זיין נאמען כדי צו ברענגען א ציטער און א עקל פאר אלע צוהערהער. דער שלעכטער יונגאטש וואס האט אויסדערוועלט דאס רויבן און רחצ'ענען אלץ א לעבנ'ס שטייגער, האט מען קיינמאל נישט געזעהן, און פון זיינע מעשים האבן אלע געוואוסט נאר פון מויל צו אויער.

מ'האט נאכדערציילט אז זייער יונג האט שוין מוסטפא אנגעהויבן זיין שלעכטן פאך, און זייער שנעל האבן זיך ארום אים צוזאם גענומען לײדיגייער'ס וואס האבן זיך צוגעשטעלט צו אים צו אלע זיינע שלעכטע מעשים פון רויבן און גנב'ענען און זיי זענען צוזאמען געווארן א באנדע וואס האט געווארפן א ציטער אויף אלעמען. זייער וואוין-ארט וואס איז שטענדיג געווען אין א קליינע לאך צי אין א פארהוילענע הייל, האבן זיי פון צייט צו צייט געטוישט ציטערנדיג מ'זאל נישט ארויף גיין אויף זייערע שפורן, און צוליב דעם איז נישט געווען קיין קלארער געגנט ווי זיי האבן זיך געפונען, און די ציטער פון זיי האט ארום גענומען אלע איינוואוינער פון לאנד.

געווענליך זענען זיינע קרבנות געווען מענטשן וואס זענען געגאנגען אליין אין די ליידיגע וועגן, אבער נישט איינמאל האבן זיי זיך געוואגט אויך איבערפאלן א גרופע פון דורכגייער. ווי א שטורעם ווינט איז די באנדע ארויסגעשפרינגען פון צווישן די בערג, אנגעוואפנט פון קאפ ביז פוס, און נאך בעפאר דער קרבן האט אנגעיאגט צו שרייען איז ער שוין געליגן אויף די ערד אויסגעליידיגט פון זיין גאנצע פארמעגן.

די טערקישע פאליציי האט געטוהן אלעס וואס איז נאר מעגליך געווען צו קענען לייגן א האנט אויף דעם גרויזאמער רויבער און זיין גאנצע באנדע, אבער דער מוסטפא איז געווען א פלינקער, און ווי עס זעהט אויס אויך קלוגער פון זיי, די טערקישע פאליציאנטן וואס נאך אסאך ארבעט און פלאג זענען זיי געוואר געווארן זייער באהעלטעניש, איז פאר זיי נאר איבער געבליבן צו קוקן אנטוישט אויף די איבערגעבליבענע עסנווארג וואס האבן דערציילט אז ביז נישט לאנג צוריק האבן זיך דא באהאלטן מענטשן.

די דורכפעלער וואס האט זיך שטענדיג איבערגע'חזר'ט האט זייער ווי געטוהן פאר די אפיצירן פון די טערקישע פאליציי, אזוי ווייט אז זיי האבן צוגעזאגט א ריזיגע סומע פון טערקישע לירות א באלוין פאר דעם וואס וועט ברענגען אינפארמאציע וואס דורך דעם וועט מען זיי קענען כאפן, אבער דאס האט אויך נישט געהאלפן, און מוסטפא איז געבליבן א פארהוילענע רעטעניש ווי ביז יעצט.

*

דאס איז געווען אין א זומערדיגע טאג, א גרופע פון מענטשן בעלי צורה זענען ארויס פון שער יפו צו די דערנעבנדיגע פלאץ ווי דארט האבן געווארט די בעלי עגלות פאר רייזנדע. אין די הויפט פון די גרופע איז געווען א איד מיט א געטליכע געשטאלט, און נאך אים זענען נאכגעגאנגען די גאנצע גרופע.

דאס איז געווען דער לעלובער רבי, הרה"ק רבי דוד צבי שלמה בידערמאן זצ"ל, וואס האט געוואלט צוזאמען מיט א טייל פון זיינע חסידים פוקד זיין די קברי צדיקים וואס זענען אין גליל אזוי ווי זיין מנהג איז געווען פון מאל צו מאל. ארויסגייענדיג פון שער יפו האבן זיי זיך געווענדן צו א וואגן וואס האט זיי אויסגעזעהן אז עס איז פאסיג אויף דעם שווערן וועג, און נאך א קורצע טענה'ריי מיטן בעל עגלה זענען זיי ארויף און אנגעהויבן די רייזע.

לאנגע שעה'ן זענען אדורך אויף זיי ביז עס האט זיך פאר זיי אנטפלעקט די שיינע גליל בערג, און פארנאכט האט זיך די וואגן אפגעשטעלט נעבן א וואלד צו דאווענען מנחה.

וועלנדיג גוט מכוון זיין, האט דער רבי זיך אביסל דערווייטערט אין דער וואלד אריין און איז באלד פארטיפט געווארן אין די כוונות ווען זיין אויסזעהן דערציילט אז ער געפונט זיך נישט אויף דער וועלט, און פלוצלינג האט זיך געהערט א גרודער פון צווישן די ביימער. מיטאמאל איז ארויסגעקומען פון דער וואלד א באנדע אנגעוואפנטע אראבער מיט זייער הויפט וואס ווארפט א ציטער מיט זיין אויסגעשטרעקטן שווערד אין זיין האנט. די חסידים זענען אנטלאפן צו ראטעווען זייער לעבן, נאר איינציגע פון זיי זענען געבליבן מיט מסירות נפש צו באשיצן אויף דער רבי, אזאך וואס האט אויסגעזעהן אינגאנצן נישט במציאות.

דער רבי וואס איז געווען פארזינקען אין זיינע הייליגע געדאנקען, האט אינגאנצן נישט באמערקט די טומל ארום אים, און האט פארגעזעצט זיין דאווענען ווי גארנישט וואלט נישט פאסירט. די חסידים האבן פארלוירן זייער אטעם ווען דער הויפט האט זיך דערנענטערט צום רבי'ן און האט שוין געוואלט ארייינשטעכן אין אים זיין שווערד... נאר פלוצלינג איז ער געבליבן פארגליווערט אויף זיין פלאץ. ווי עפעס א באהאלטענע כח האט אים אפגעשטעלט און אפגעהאלטן פון צו אויספירן זיין ווילן, און אנשטאט דעם האט ער מיט געעפנטע אויגן געקוקט אויף דער רבי וואס איז געשטאנען פארזינקען אין זיינע הייליגע געדאנקען.

אזוי האט זיך דאס געצויגן עטליכע מינוט ביז ווען דער רבי האט געענדיגט שמונה עשרה און האט אויסגעטרויטן דריי טריט אויף צוריק. דעמאלטס איז מוסטפא צוגעגאנגען צו אים מיט יראת כבוד און געזאגט:

"רב לעבן, כ'וויל דערציילן דעם אמת, דו ביזסט יעצט געראטעוועט געווארן פון א זיכערער טויט. עס האט נאך קיינמאל נישט פאסירט אז איך האב צוריק געצויגן פון מיין ווילן, און איך ווייס נישט וואס האט מיר יעצט צוגעברענגט אז איך זאל אזוי טוהן... דו זאלסט וויסן אז איך בין דער רויבער מוסטפא וואס ווארפט זיין ציטער אויף אלע איינוואוינער פון די לאנד, די טערקישע פאליציי איז שוין פון לאנג מיד געווארן פון מיר צו כאפן, אבער פון מיין זייט האב איך נישט קיין רואיגקייט, ווייל איך דארף זייער אפט טוישן מיינע באהעלטענישן. איך בין גרייט צו באפריען דעם רבי'ן, אבער איך בעהט מ'זאל מען מיר אנוואונטשן אז קיינמאל זאל מען מיך נישט קענען כאפן".

דער רבי האט אים גוט ארייינגעקוקט אין די פנים און נאך א קורצע ווײלע האט ער געזאגט:

"איך בין גרייט דיך צו וואונטשן, אבער איך האב אויך א תנאי...: איך פאדער פון דיר דו זאלסט מיר צוזאגן, אז קיינמאל, אבער געדענק קיינמאל זאלסטו נישט טשעפענען א פארמעגן צי א זעהל פון א אידיש קינד. ווי לאנג דו וועסט איינהאלטן דיין צוזאג, וועט מען דיך נישט כאפן, אבער אויב דו וועסט נישט אכטונג געבן אויף מיינע רייד, וועל איך אויך נישט אכטונג געבן אויף מיינע ווערטער".

מוסטפא האט איין מינוט נישט געטראכט בעפאר ער האט געדונערט מיט זיין שטימע עס צובאשטעטיגן. באלד נאכדעם האט ער זיך אויסגעדרייט צו גיין אויף זיין וועג, ווען דער רבי דערמאנט אים נאכאמאל דעם תנאי וואס ער האט אוועק געשטעלט.

אין די קומענדיגע יארן האט מוסטפא פארגעזעצט זיינע מעשים ווען די רעגירונג פראבירט מיט אלע ערליי וועגן אים צו כאפן אבער אן קיין ערפאלג. נאר אין די צייט וואס פון די פעלקער האט מוסטפא ווייטער גע'הרג'עט, איז קיין שום איד נישט געשעדיגט געווארן.

אין לויף פון א לאנגע תקופה האט מוסטפא איינגעהאלטן זיין אונטערנעמונג, ביז דער טאג וואס ער האט געטוהן דעם טעות וואס האט אים געקאסט זיין לעבן. יענעם טאג האט מוסטפא אויסדערוועלט אלץ א קרבן א דורכגייער וואס זיין אויסזעהן האט אינגאנצן נישט דערציילט אויף זיין אידישקייט, ער איז געווען אנגעטוהן מיט קורצע קליידער, א אויפגעדעקטן קאפ און זיין פנים איז געווען אינגאנצן אפגעשוירן. דער מענטש וואס איז געגאנגען געלאסן צווישן די ביימער, האט נישט באמערקט די אויגן וואס לאקערן אים נאך, און ווען ער האט באמערקט איז שוין געווען צו שפעט.

פארנאכט האבן דורכגייער באמערקט דעם קערפער. די טערקישע פאליציי וואס איז באלד גערופן געווארן האט באלד באשטעטיגט אז די הענט פון מוסטפא ליגט דא באהאלטן. די פאליציאנטן האבן באלד אנגעהויבן אים צו זוכן, אבער אנדערשט פון די פריערדיגע פעלער וואס זיי האבן גארנישט געטראפן, דאס מאל האבן זיי זייער שנעל געטראפן די הייל וואו דער רוצח האט זיך באהאלטן ווען ער רוהט זיך אפ פון זיין פלאג.

זייער שנעל האט מען אים געבינדן די הענט מיט די פוס און אונטער א שטארקע באוואכונג האט מען אים געפירט צו די טערקישע פאליציי סטאנציע, ווען די קלאנג פון זיין כאפן ערוועקט כוואליעס פון פרייד צווישן די טערקישע מיליטער.

זייער שנעל האט מען אפגעראכטן זיין משפט, די סאך עדות פון די אלע יארן האבן נישט אים נישט געגעבן קיין שאנס, און ער איז געאורטיילט געווארן אים צו טויטן דורך הענגען.

בעפאר מ'האט אויסגעפירט דעם אורטייל האט זיך א גרויסער עולם פארזאמלט, אלעס איז שוין געווען גרייט, מ'האט שוין געוואלט ארויף דרייען דעם שטריק ארום דעם קאפ פון דעם באשולדיגטן, ווען פלוצלינג וויל מוסטפא זאגן עטליכע ווערטער. ווי געווענליך האבן די פאליציאנטן נאכגעגעבן זיין וואונטש.

מוסטפא האט געגעבן א קוק אויף דעם גרויסן באפעלקערונג וואס האט זיך פארזאמלט ארום אים, און האט געגעבן א געשריי:

"ענק זאלן וויסן אז נישט ענקער כח און שטארקהייט האט צוגעברענגט אז ענק זאלן מיך כאפן, איך בין אליין שולדיג אין דעם!

ענק פאליציאנטן וואס פרייען זיך יעצט צו מיינע צרות, זענען שוין מיד געווארן אין לויף פון אזויפיל יארן מיך צו כאפן, אויך יעצט ווען עס איז ענק געלונגען, איז עס נישט אין די זכות פון ענקער קלוגשאפט אדער ענקער שטארקהייט, נאר ווייל איך האב נישט איינגעהאלטן מיין צוזאג פאר דעם אידישן רב. אין די מינוט וואס די ברכה פון דער רב האט אויפגעהערט מיך צו באשיצן, איז פאר ענק געלונגען צו לייגן ענקערע הענט אויף מיר, און איך בין געכאפט געווארן דורך ענק ווי דער שוואכסטער מענטש..."

אין די מינוט וואס ער האט געענדיגט זיינע רייד האט מען ארום געבינדן דעם שטריק ארום זיין האלדז, און דער אכזר מוסטפא איז שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיגע, ווען ער לאזט איבער א שטארקער און קלארער דערהער אין די כח פון א ברכה פון א צדיק.

גליון 'אוהל מועד' שופטים ע"ז, געהערט פון דער סטרעטינער רבי שליט"א

עיצובים shay